בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# סֵדֶר הַנְּסִיעָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל,

## ל"ג בָּעֹמֶר,

## ה'תשפ"ב

היכל הקודש

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 51**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

*בס"ד*

**"כִּי בְזוֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא"**

מִיט פְרֵיילִיכֶע הֶערְצֶער הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּיפְגֶענוּמֶען דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט נָאכְאַמָאל קוּמֶען אוּיף אַ בַּאזוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְרֶגֶל לַ"ג בָּעֹמֶר הָעָבַר עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז רוֹב צַייט גֶעוֶוען אִין מִירוֹן סָמוּךְ וְנִרְאָה צוּם צִיּוּן פוּן הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וואו דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעדַאוֶוענְט פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן הָאט אַוַודַאי גֶע'פּוֹעֶל'ט אַלֶעס גוּטְס.

אִין דֶעם לֶענְגֶערְן בְּרִיוו וָואס אִיר זֶעט פַאר אַייךְ טֵיילְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט דִי פִילֶע פְּרָטִים דוּרְכְאוּיס דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה; דִי וֶועגְן, דִי דֶערְהוֹיבֶּענֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג בַּיים צִיּוּן פוּן הַתַּנָּא אֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי סִיּוּם אוּיף סֵפֶר הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דִי בֵּית וְעַד שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִין יַבְנְאֵל, יוֹם הוּלֶדֶת מוֹהֲרַ"ש, דִי בַּאזוּךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם וָואס רֶעכְנְט אַרַיין דִי פִילֶע סִיּוּמֵי הַשַּׁ"ס פוּן דִי פִּרְחֵי וּצְעִירֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי בַּאזוּךְ אוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, אוּן נָאךְ.

מִיר דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר'ן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט, כֹּחַ אוּן מֹחַ דָאס אַלֶעס אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן, וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן יֶעדֶעס וָוארְט הֶערְלִיכֶע לִימוּדִים אוּן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט אוּן אוּיסְנוּצְן יֶעדֶע מִינוּט פוּן לֶעבְּן אוּיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּיף דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט לוֹיט ווִי אַזוֹי אָבִינוּ רוֹעֵנוּ מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.

*קִרְאוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם!*

*הַמַּעֲרֶכֶת*

## סֵדֶר הַנְּסִיעָה קַיין מִירוֹן, לַ"ג בָּעוֹמֶר תשפ"ב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי (בַּמִּדְבָּר בא"י), כ"ד אִיָּר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דִי יָאר נָאכְאַמָאל בַּיי דִי הִלוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִין מִירוֹן.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן מָאנְטָאג נַאכְט, אִיךְ מַיין וַוייבּ מִיט מַיין זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר. מַיין זוּן הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען שִׁמְעוֹן נָאךְ הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַ נָאמֶען גֶעבְּן "שִׁמְעוֹן", מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דִי זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוֹיף אִים, עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין דֶער מוֹהֵל בַּיי זַיין בְּרִית, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶער וִוינֶער רָב שְׁלִיטָ"א פַאר מוֹהֵל.

אִיךְ הָאבּ מִיט גֶענוּמֶען מַיין זוּן שִׁמְעוֹן לְכָבוֹד זַיין סִיוּם הַשַּׁ"ס, אִיךְ טוּ דָאס מִיט אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ וִויל זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען שַׁ"ס אוּן דָאס מְסַיֵּים זַיין פַאר דִי בַּר מִצְוָה - זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַ נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

הָאַבְרֵךְ אֶלִי קְנָאלְל הָאט אוּנְז גֶענוּמֶען צוּם עֶירְפָּארְט, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן גֶעצֵיילְט סְפִירָה אִין עֶירְפָּארְט. דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַיינְגֶענֶעם, הָאַבְרֵךְ אַבְרָהָם רוֹטְמַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעזָארְגְט פַאר דִי נְסִיעָה, עֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט דָאס בֶּעסְטֶע וָואס קֶען זַיין.

עֶר הָאט אוּנְז בַּאשְׁטֶעלְט צוּ זִיצְן אִין בִּיזְנֶעס קְלַאס, דִי אַלֶע וָואס זִיצְן אִין בִּיזְנֶעס קְלַאס בַּאקוּמֶען אַ קַארְטְל צוּ קֶענֶען גֵיין אִין עֶירְפָּארְט אִין דִי

לַאוּנְטְשׁ, מַיין זוּן שִׁמְעוֹן אוּן מַיין וַוייבּ הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֵיין, דוּ וֵוייסְט דָאךְ ווי עֶס גֵייט, אַז מֶען הֶערְט רֶעדְן לַאוּנְטְשׁ, לַאוּנְטְשׁ, אוּן אַז נָאר גֶעצֵיילְטֶע קֶענֶען גֵיין - ווִילְן אַלֶע גֵיין... אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר מַיין וַוייבּ אוּן זוּן: "נָאךְ אַ מַזָל מִיר זֶענֶען יָא גֶעקוּמֶען, אַזוֹי קֶענְט אִיר זֶען דִי גַאנְצֶע גְלִיק פוּן עוֹלָם הַזֶה, אַ טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט דָארְט..."

דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען אַ רוּאִיגֶע וֶועג; אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן אַבִּיסְל, גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון אַבִּיסְל אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. דוּ וֵוייסְט דִי אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אוּן אַנְדֶערֶע, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, וואו דוּ וֶועסְט אִים נָאר לֵייגְן, וואו עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ - הָאט עֶר וָואס צוּ טוּן; עֶר דִינְט אִיבֶּערָאל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיפְ'ן פָּשׁוּטְ'ן שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דִינְסְטָאג נָאכְמִיטָאג, הָאַבְרֵךְ הַנַ"ל הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט מֶען זָאל אוּנְז טְרָאגְן אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְּלַאץ. דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דִי גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם, שִׁמְעוֹן עוֹזֵר פֶּערְל אוּן יִצְחָק פָּאפְּנְהֵיים.

שִׁמְעוֹן עוֹזֵר בְּרֶענְגְט מִיר דִי נֵייעֶ קִינְדֶער מַעֲשֶׂה בִּיכְל: "מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ", סֵיי אִין אִידִישׁ, סֵיי אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דָאס צוּ זֶען. מֵיין נִישְׁט אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן, אִיךְ וֶועֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן וֶוען אִיךְ זֶע אַ סֵפֶר, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זֶען נָאךְ חֲלָקִים, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זֶען חֵלֶק ב, ג, ד, ה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר בַּאווִיזְן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת חֵלֶק א' פוּן שְׁנַת תשפ"א, דָאס אִיז עֶפֶּעס אַזוֹי שֵׁיין; שִׁמְעוֹן עוֹזֵר נֵרוֹ יָאִיר מִיט זַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', זֵיי לֵייגְן

אַרַיין זַייעֶר לֶעבְּן אִין דֶעם, זַיי זֶענֶען דָאס מְתַרְגֵּם מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ. אוֹיךְ אִיז דָא אַ מִשְׁפָּחָה אִין צְפַת, מִשְׁפַּחַת קֶעניִג וָואס זֶענֶען דָאס מַגִּיהַּ. דֶער סֵפֶר אִיז אַזוֹי שֵׁיין, עֶס וֶועט זִיכֶער צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט דַאוְוענֶען מִנְחָה, זָאגְן זַיי מִיר אַז עֶס וַוארְטְן אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אִינְדְרוֹיסְן פוּן עֶירְפָּארְט, אִין גֶעז סְטֶעיְשְׁן. זֶענֶען מִיר אַהִין גֶעפָארְן, דָארְט שְׁפְּרִינְגֶען צוּ מִיר דִי בְּנֵי בְּרַק'ע חַבוּרָה, שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַ בִּרְכַּת שֶׁהֶחֱיָינוּ מִיט אַ שִׂמְחָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זַייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֵיי, דִי זֶענֶען גְרוֹיסֶע מְפִיצִים, זַיי רוּעֶן נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט, טָאג אוּן נַאכְט הָאבְּן זַיי אִינְזִין נָאר אֵיין זַאךְ: "הַפָּצָה, הֲפָצָה, הַפָּצָה!"

פָּארִיגֶע מָאל בִּיסְטוּ דָאךְ מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט מִיר, הָאסְטוּ גֶעזֶען דֶער חִילוּק פוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע מְקוּרָבִים; זַיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְקָאכְט פַאר אַנְדֶערֶע, זַיי טְרַאכְטְן נִישְׁט פוּן זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט, פוּן זַייעֶר בַּאקְוֶועמֶע לֶעבְּן, זַיי טְרַאכְטְן 'וִוי קֶען מֶען נָאךְ אַ אִיד גֶעבְּן פוּנֶעם יַיִן הַמְּשֻׁמָּר'.

אַבְרָהָם הַנַ"ל הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ קַאר מִיט אַ גוּטֶע דְרֵייוֶוער, עֶס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אוּנְז אָנְקוּמֶען אִין מִירוֹן בְּשָׁלוֹם". דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּהָלָה, מֶען הָאט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן פָּארְאוֹיס אַז מֶען גֵייט פַארְשְׁפַּארְן מִירוֹן, מֶען קֶען נָאר אַרַיינְקוּמֶען אִין מִירוֹן מִיט בַּאשְׁטֶעלְטֶע טִיקֶעטְס פוּן פָארְאוֹיס. וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער הָאבְּן מִיר גֶעזֶען פָּאלִיצַיי שְׁטֵייעֶן בַּיי דִי וֶועגְן, מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, תְּפִלָּה עֶפְּנְט דָאךְ אַלֶע טוֹיעֶרְן.

מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין מִירוֹן, מֶען הָאט אוּנְז אָבֶּער נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵיידְט אַהִין אוּן צוּרִיק, צוּרִיק אוּן אַהִין. אַבְרָהָם הָאט אוּנְז דָארְט אָפְּגֶעוַוארְט, אִין גֶעז סְטֶעיְשְׁן, אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג, בַּיים אַרַיינְגַאנְג.

אִין גֶעז סְטֶעיְשְׁן זָאגְט מִיר דֶער דְרֵייֶווער שְׁטְרֶענְג: "פַארְמַאךְ דַיין פֶענְסְטֶער!" אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס גֵייט פָאר?" זָאגְט עֶר נָאכְאַמָאל: "פַארְמַאךְ!" אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן פָארְן שְׁנֶעל. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ זֶע דֶער דְרֵייֶווער אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ כַאפּ נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר, עֶר גֶעבְּט אַ שְׁטֶעל אָפּ דִי קַאר אוּן שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס, עֶר לוֹיפְט אַרִיבֶּער דִי גַאס צוּ אַ קַאר רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָאר, עֶר קוּמְט צוּרִיק, אוּן אַבְרָהָם זָאגְט אִים מֶען קֶען נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּפָארְן אִין מִירוֹן. מִיר קוּמֶען אָן דָארְט, אַבְרָהָם שְׁטֵייט דָארְט מִיט אֵיינֶעם, יֶענֶער וַוייזְט מֶען זָאל אַרַיינְלָאזְן. הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שֵׁיינֶע דִירָה, אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן. קֶענְסְט דָאךְ אַבְרָהָם, וֶוען עֶר מַאכְט עֶפֶּעס - אִיז דָאס מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ. מִיר הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעפַּאקְט, דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן שָׁלוֹם.

נָאכְדֶעם דֶערְצֵיילְט מִיר אַבְרָהָם וָואס הָאט פַּאסִירְט. דֶער דְרֵייֶווער הָאט בַּאמֶערְקְט אִין גֶעז סְטֶעיְשְׁן ... דֶערִיבֶּער הָאט עֶר מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ פַארְמַאכְן דִי פֶענְסְטֶער כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זֶען אַז אִיךְ בִּין אִין קַאר. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר מִיךְ יָא גֶעזֶען, אוּן וִוי נָאר דֶער דְרֵייֶווער פָארְט אַוֶועק זֶעט עֶר וִוי ... פָארְט אִים נָאךְ, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַהֶער - פָארְט עֶר אַהֶער, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַהִין - פָארְט עֶר אַהִין, עֶר פָארְט שְׁנֶעל - פָארְט עֶר שְׁנֶעל, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיט אִים, זָאגְט עֶר: "אִיךְ וִויל יֶעצְט עֶרְלֶעדִיגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל אִים יֶעצְט שְׁלָאגְן צוּם טוֹיט" ה' יִשְׁמְרֵינוּ, הָאט אִים דֶער דְרֵייֶווער גֶעזָאגְט: "טְרָאג זִיךְ אָפּ פוּן דָא, אִיךְ וָוארְן דִיךְ!" עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַוֶועקְגֶעפָארְן, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אוּן מִיךְ שִׁיעוּר דֶערְ'הַרְגְ'עֶט; אִיךְ וֶועל דָאס שְׁרַייבְּן שְׁפֶּעטֶער אִינֶעם בְּרִיוו, אִיךְ וִויל זִיךְ הַאלְטְן אִין אַ סֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב בַּיי מַיין טַאטֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

קַארְלְסְבּוּרְג. שְׁלָאפְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דָארְט, אִין מִירוֹן אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ - מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעבְּלִיבְּן בַּיינַאכְט אִין דִי דִירָה, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים.

מִיטְוָואךְ אִינְדֶערְפְרִי פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ זִיךְ גֶעגַאנְגֶען טוֹבֵל'ן בַּיי מַיין טַאטֶע'ס מִקְוֶה. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א וָתִיקִין. מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אִין מִירוֹן דַאוֶונֶען וָתִיקִין; אַזוֹי פִירְט זִיךְ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, עֶר דַאוֶונְט וָתִיקִין. גֶעוֶוענְלִיךְ דַאוֶונְט עֶר אִין דִי מַעֲרָה, אָבֶּער עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר, לַ"ג בָּעֹמֶר אוּן אַ טָאג נָאךְ לַ"ג בָּעֹמֶר - דַאוֶונְט עֶר אִין זַיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מַרְאֵה יְחֶזְקֵאל, אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג. בִּפְרַט הֵיי יָאר, נָאכְדֶעם וָואס דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם הָאבְּן גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים - הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט אוּנְטְן.

אִיךְ בִּין אַרוֹיף צוּם מַעֲרָה מִיט מַיינֶע זִין שִׁמְעוֹן אוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים, עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן אַ טָאג פְרִיעֶר. דִי גַאנְצֶע וֶועג אַרוֹיף צוּם מַעֲרָה אִיז גֶעוֶוען רוּאִיג.

אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין דִי מַעֲרָה אִיז מִיר גוּט גֶעוָוארְן, דִי גַאנְצֶע מַעֲרָה אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט פָּאלִיצֵיי, עֶס אִיז לֵיידִיג, מֶען לָאזְט נִישְׁט קֵיינֶעם בְּלַייבְּן שְׁטֵיין, מֶען קֶען נָאר גֵיין. בְּלֵית בְּרֵירָה בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער דִי מַעֲרָה. פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיינֶע צִיפּ אִין הַארְץ: 'הֲיִתָּכֵן, וָואס אִיז דִי חוּצְפָּה וְכוּ''; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער שְׁנֶעל גֶעדְרֵיידְט דִי מַחֲשָׁבוֹת אוֹיף פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, גֶעלוֹיבְּט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

אַרוֹיסְקוּמֶענְדִיג פוּן אוּנְטֶער דִי מַעֲרָה, דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען הוּנְדֶערְטֶער אִידְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, אַ טֵייל הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט דִי פָּאלִיצֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע זוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ שָׁאטְן, אוּנְטֶערְן שָׁאטְן אִיז גֶעוֶוען פַיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִי סַדְרָנִים? וָואס גֵייט מִיךְ אָן וָואס זֵיי טוּעֶן?' אִין אַנְדֶערֶע זְמַנִים וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעקֶענְט זַיין אִין דִי מַעֲרָה - וָואלְט אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ גֶעזוּכְט אַ רוּאִיגֶע וִוינְקֶעלֶע וואוּ צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן תְּהִלִּים מִיט אַ שִׂמְחָה, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט דִי הַארְץ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין מִירוֹן, בִּפְרַט לַ"ג בָּעֹמֶר אוּן עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר. בִּשְׁעַתְ'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז הֵייס, אַז אִיךְ שְׁוִויץ, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן אוּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן; אַזוֹי אִיז עֶס, וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַארְגֶעסְט מֶען פוּן אַלֶעס, מֶען וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר אַבִּיסְל דְבֵיקוּת בַּה', נָאר אַבִּיסְל קִרְבַת אֱלֹקִים.

אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן מַזְכִּיר גֶעוֶוען אַלֶע קְוִויטְלֶעךְ, בַּקָשׁוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ אוּן אַ גַאנְצֶע צַייט זַייעֶנְדִיג אִין מִירוֹן, זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן, זְקֵנִים וּנְעָרִים, חֲסִידִי'שֶׁע, אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁע אוּן סְפַרְדִי'שֶׁע, פוּן אַלֶע סָארְט, פוּן אַלֶע קְרֵייזְן - זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

אַ בָּחוּר בְּרֶענְגְט מִיר אַ מַתָּנָה, אַ פַארְמַאכְטֶע דִיקֶע עֶנְוֶועלָאפּ; אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי סָארְט מַתָּנוֹת, אִיךְ וֵוייס וָואס לִיגְט אִינֶעוֵוייגִיג נָאךְ פַארְ'ן עֶפֶענֶען - אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע סְמַארְטְפָאוֹן, מִיט אַ בְּרִיוְול וָואס שְׁטֵייט: "בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים פוּן קַו בְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן בְּרִיוו - הָאבּ אִיךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי טֶעלֶעפָאן".

הוּנְדֶערְטֶער הָאבְּן שׁוֹין אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זֵייעֶרֶע מָאוִויס וְכַדוֹמֶה פוּן הֶערְן חִיזוּק אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ טַייךְ וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ (שָׁם, סִימָן רצד): "אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם", אִיךְ

בִּין אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ זִיסֶע וֶועג, דִי מוּסָר פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ זִיסֶע מוּסָר.

דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן: "שֵׁגֶץ!" "שִׁיקְסֶע!" "גֵיהִנוֹם!" "רְשָׁעִים!" – דָאס מַאכְט גָארְנִישְׁט אוֹיס, עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער, עֶס אִיז מַבְאִישׁ רֵיחַ, אוֹיף דֶעם זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא (עֲרָכִין טז:): "תָּמֵהַּ אֲנִי, אִם יֵשׁ בַּדּוֹר הַזֶּה מִי שֶׁיָּכוֹל לְהוֹכִיחַ", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ אִיז דָא אִין אוּנְזֶער דוֹר אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר, וַוייל אַז מֶען וֵייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח): "לֹא דַּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ", נִישְׁט נָאר עֶר טוּט נִישְׁט אוֹיף מִיט דִי מוּסָר, "אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ", עֶר מַאכְט נָאךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; עֶס הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען קוּקְן עֲבֵירוֹת – דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט מוּסָר אוֹיף דִי וֶועג: "שֵׁגֶץ!" "שִׁיקְסֶע!" "גֵיהִנוֹם!" "רְשָׁעִים!" אָבֶּער דִי תּוֹכָחָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - גֶעבְּט אַ גוּטֶע גֶערוּךְ, נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, זַייט דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט הָאבְּן שׁוֹין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דוּרְךְ דִי מוּסָר פוּן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר גֶעבְּט אַרַיין אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַ רֵיחַ טוֹב, וֶוען מֶען הֶערְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר" – דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, דָאס פּוֹעֶלְ'ט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיקְקוּמֶען.

אַ פְרוֹי דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין וַוייבּ, זִי אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע מְקוֹרָב, זִי מִיט אִיר מַאן לֶעבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג, זִי פְרֶעגְט אַלֶע אִירֶע פְרַאגֶעס, זִי הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים. זִי גֶעבְּט שִׁיעוּרִים פַאר עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, אַסַאךְ סְקוּלְס רוּפְן אִיר רֶעדְן; זִי רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען.

דֶערְצֵיילְט זִי אַז אַ מֵיידְל רוּפְט אִיר אָן פָּארִיגֶע וָואךְ אוּן זָאגְט אִיר: "אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְן!" זִי דֶערְצֵיילְט פַאר דִי פְּרוֹי: "גֶעדֶענְקְסְט פַארְיָאר בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען גֶעבְן אַ שִׁיעוּר אִין מַיין סְקוּל, בִּיסְט צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר, הָאסְט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי אִיךְ הֵייס, הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער 'אִיךְ זֶע אִין דִיר אַ שֵׁיינֶע עָתִיד', הָאסְט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר אַזוֹי זִיס, דוּ הָאסְט מִיר דֶעמָאלְט גֶערַאטֶעוֶועט; אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי מִיר שְׁטִילֶערְהֵייט אַז אִיךְ לָאז אַלֶעס אָפּ, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט 'אִיךְ זֶע אִין דִיר אַ שֵׁיינֶע עָתִיד' - הָאט דָאס מִיר צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן טוּן שְׁלֶעכְטְס, דִי וֶוערְטֶער שְׁרֵייט אִין מִיר, 'אֵיינֶער זֶעט אִין מִיר אַן עָתִיד'".

מַיין וַוייבּ פְרֶעגְט דִי פְּרוֹי: "וָואס עֶפֶּעס בִּיסְטוּ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מֵיידְל, אוּן וָואס עֶפֶּעס הָאסְטוּ אִיר דָאס גֶעזָאגְט?" זָאגְט דִי פְּרוֹי: "וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין סְקוּל גֶעבְן דִי שִׁיעוּר פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע כִּתָּה, רוּפְט מִיר דִי מְנַהֶלֶת צוּ אוּן זָאגְט מִיר 'אִיךְ וִויל דִיר וַוייזְן דִי עֶרְגְסְטֶע מֵיידְל פוּן סְקוּל', זִי וַוייזְט מִיר אוֹיף דִי מֵיידְל, מֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט, זָאגְט דִי פְּרוֹי, דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן אִין מַיין קָאפּ, אִיךְ הָאבּ זִיכֶער גֶעמַאכְט אַרִיבֶּער צוּ גֵיין צוּ דִי מֵיידְל אוּן אִיר גֶעבְן אַ גוּט וָוארְט, אוּן יֶעצְט אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע מֵיידְל גֶעוָוארְן דִי בֶּעסְטֶע מֵיידְל"; קוּמְט אוֹיס אַז דִי מְנַהֶלֶת דַארְף זִיךְ זוּכְן אַן אַרְבֶּעט בַּיי דִי מִיסְט, קוּמְט אוֹיס אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - ווִילְן יָא זַיין גוּט, נָאר דִי בַּעֲלֵי מוּסָר זֶענֶען מַבְאִישׁ רֵיחַ.

אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן בַּיי דִי נְסִיעָה צֶענְדְלִיגֶער פֶעלֶער ווִי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גֶעשְׁלֶעג בַּיי דִי הַדְלָקוֹת וְכַדוֹמֶה, וֶוען אַ בָּחוּר, אַ אִינְגֶערְמַאן נֶעמְט אַרוֹיס זַיין סְמַארְטְפָאוֹן כַאפְּן בִּילְדֶער אָדֶער ווִידְיאוֹ, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן: "שֵׁיגֶץ!" "גֵיהִנוֹם!" "רְשָׁעִים!" - דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט, דָאס

מַאכְט נָאר עֶרְגֶער; וָואלְט יֶענֶער גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ בָּחוּר, אַ שְׁמֵייכְל - וָואלְט דִי שְׁמֵייכְל אוּן גוּט וָוארְט מֶער אוֹיפְגֶעטוּן.

לְכַּתְּחִלָּה הָאט גֶעהֵייסְן עֶס וֶועט זַיין אַן הַדְלָקָה בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א לֵיל לַ"ג בָּעֹמֶר, לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט, דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנּוֹם הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט מַאכְן הַדְלָקוֹת, הָאט מֶען דָאס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט, דָאס הֵייסְט לַ"ג בָּעֹמֶר נָאכְמִיטָאג, פוּן זֶעקְס אַזֵייגֶער בִּיז אִין דִי נַאכְט אַרַיין; אֲפִילוּ דִי פָּאלִיצֵיי וֶועלְן קוּמֶען וֶועט מֶען הֶעכְסְטְנְס דֶעמָאלְט עֶנְדִיגְן. אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן, מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן גֶעצֵיילְט סְפִירָה. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט מֶען גֶעצִינְדְן לֶעכְט לְכָבוֹד הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי אוּן גֶעטַאנְצְן "בַּר יוֹחָאִי", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדָה בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט; אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט יֶעצְט פוּן דִי נְסִיעָה, גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ.

מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעבְרֶענְט אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּם מַעֲרָה טַאנְצְן לְכָבוֹד דִי הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טִיקֶעט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מִיךְ אַרִיבֶּערְלָאזְן אָן קַיין טִיקֶעט, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעווּיסְט צִי מֶען קֶען בִּכְלַל גֵיין, יֶעדֶע מִינוּט אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע נֵייעֶס, מֶען לָאזְט יָא, מֶען לָאזְט נִישְׁט; מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעבְרֶענְט אַרוֹיפְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין אַרוֹיף מִיט מַיין זוּן שִׁמְעוֹן; אַזוֹי וִוי אִיךְ הוֹיבּ אָן גֵיין זֶע אִיךְ שׁוֹין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט - גֵייעֶן מִיר נָאךְ, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קַיין טִיקֶעט, דִי גַאנְצֶע וֶועג אִיז גֶעוֶוען מִיט פָּאלִיצֵיי, יֶעדֶע פָּאר טְרִיט הָאט מֶען אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן אִין דִי מַעֲרָה הָאבּ אִיךְ מְסַיֵּים גֶעוֶוען תִּקּוּנֵי זוֹהַר. מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטֶעלְן, מֶען הָאט גֶעטְרִיבְּן.

אִינְדְרוֹיסְן, אוּנְטֶערְן בִּנְיָן, הָאבּ אִיךְ גֶעזוּכְט וואוּ צוּ טַאנְצְן, מִיר הָאבְּן

אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיכֶע טֶענְץ, מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן פַאר צְוֵויי שָׁעָה.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַזֶעלְכֶע טֶענְץ, אַזַא שִׂמְחָה, אַזַא קְדוּשָׁה - הָאבּ אִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט. דִי אַחְדוּת; אַלֶע אִידְן טַאנְצְן לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אַלֶע אִידְן פְרֵייעֶן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, מֶען אִיז פוּל מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה. אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ שְׁפִּיר נָאכְאַלְץ אִין מַיין הַארְץ, אִיךְ וֶועל סַיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען וָואס אִיךְ שְׁפִּיר, וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן שְׁרַייבְּן.

אַ גַאנְצְן טַאנְצְן הָאבּ אִיךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן פַארְ'ן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען מִיט גֶעקוּמֶען, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן.

פְּלוּצְלוּנְג אִינְמִיטְן וֶועג וַוארְט מִיךְ אָפּ דֶער ... וָואס אִיז מִיר אַ טָאג צוּרִיק נָאכְגֶעפָארְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אָנְהוֹיב בְּרִיוו, אוּן הוֹיבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר: "שֵׁיגֶץ!" "רָשָׁע!" "מְנֻוָּל!" עֶר הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן, עֶר אִיז גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי לוּפְט מִיט אַ רְצִיחָה, בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם הָאט מֶען אִים צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעשְׁלֶעג, אָבֶּער מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהִיטְן. אָנְהוֹיבּ, אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיף צוּם מַעֲרָה, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מִיךְ נָאכְגֶעלָאפְן: "לָאזְט מִיר אָפּ, לָאזְט מִיר גֵיין אַלֵיין, וָואס וִוילְט אִיר פוּן מִיר?" אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ גֵיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אָן קֵיינֶעם, וִוי אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ גֵייט, אָן קַיין בַּאגְלֵייטֶער, לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ, אַ נֵס אַז עֶס זֶענֶען יָא מִיט גֶעקוּמֶען מִיט מִיר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

הָאַבְרֵךְ... אִיז גֶעוֶוען מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן: "טוּ מִיר אַ טוֹבָה, רַאטֶעוֶוע מִיר, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בַּעַל כֹּחַ, הַאלְט אִים אָפּ", אִיז עֶר צוּגֶעלָאפְן צוּ אִים אוּן אִים אָנְגֶעכַאפְּט מִיט כֹּחַ בִּיז אִיךְ בִּין אַרָאפּ צוּ מַיין דִירָה. שְׁפֶּעטֶער זָאגְט עֶר מִיר אַז זַיין טַאטֶע ר' ..., אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרַא"שׁ - הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּסַק פַארְוָואס עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, זַיין טַאטֶע גֶעדֶענְקְט וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "הֲיִתָּכֵן דוּ הָאסְט אִים נָאר אָפְּגֶעהַאלְטְן, וָואלְסְט אִים גֶעדַארְפְט שְׁפַּאלְטְן זַיין קָאפּ, אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רוֹצֵחַ - דַארְף מֶען אִים צֶעבְּרֶעכְן זַיינֶע בֵּיינֶער".

לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זוֹהַר מִיט הָאַבְרֵךְ יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר מִיט אִים יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין סֵפֶר הַזוֹהַר, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר, אוֹיסֶער אֵיין פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת פִּנְחָס, עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע פַּרְשָׁה. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט זוֹהַר פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, בְּעֶרֶךְ זֶעקְס שָׁעָה, נָאךְ עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר.

הָאַבְרֵךְ בֶּערְל לֶעוִוי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִירוֹן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ אַיינְצוּשְׁטֵיין, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען עַל דַּעַת צוּ שְׁלָאפְן אוֹיף אַ בֶּענְקְל אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ. אִיךְ הָאבּ זַייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט, גֶעוֶוענְלִיךְ אַמֶערִיקַאנֶער מֶענְטְשְׁן זָארְגְן קוֹדֶם פַאר דִי בֶּעט וְכוּ', דָא זֶע אִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט פוּן אַמֶערִיקֶע צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אָן גָארְנִישְׁט, נָאר צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. אִיךְ הָאבּ אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין מַיין דִירָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעטֵיילְט, עֶר מִיט יוֹסִי הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין בֶּעט; וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין דִי מַעֲרָה, אוּן אַזוֹי פַארְקֶערְט.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת מַאכְן חַאלַאקֶע; הָאַבְרֵךְ בָּרוּךְ נוֹסְבּוֹים, אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב אַבְרָהָם שׁוּשַׁן פוּן בְּנֵי בְּרַק.

נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעוֶוען דִי הַדְלָקָה בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין חָצֵר מִיט פֵייעֶרְדִיגֶע טֶענְץ, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מִיט אַ הֶעכֶערֶע שִׂמְחָה.

פַאר'ן אָנְצִינְדְן דִי הַדְלָקָה אִיז דֶער מִנְהָג אַז אַלֶע גִיסְן אוֹיל לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, מֶען לֵייגְט וַואטֶע מִיט אוֹיל, מֶען זִינְגְט נִגּוּנֵי דְבֵיקוּת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען קֶען מַאכְן אַ כְּלִי פוּן דִי דֶערְהוֹיבֶּענֶע צַייטְן, מֶען קֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. קֶענְסְט זֶען יֶעדֶע מָאל בַּיי אַ חוּפָּה וֶוען מֶען זִינְגְט נִגּוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת, אוֹיבּ אִיז דֶער חָתָן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף זַיינֶע לִיפְּן וִוי עֶר נוּצְט אוֹיס דִי מִינוּטְן פַאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז נִישְׁט, שְׁטֵייט מֶען מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע מוֹיל, אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דִי דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט.

קֶענְסְט פְרֶעגְן דִי אִינְגֶעלַייט יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער אוּן בֶּערְל לֶעוִוי, זֵיי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גֶעטוּן.

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן ר' יוֹנָה אוּנְזֶער דַיָּין, נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין דִי דִירָה, מִיר הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט אִינְאֵיינֶעם זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מַאכְן דִי סִיוּם לַ"ג בָּעֹמֶר, אָבֶּער נָאכְן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל שָׁעָה הָאט מִיר דִי קָאפּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁווִינְדְלֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט אָפְּשְׁטֶעלְן; מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם אַפָּאר בְּלַאט זוֹהַר אוּן גֶעמַאכְט אַ סִיוּם, מַיין וַוייבּ הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַבִּיסְל יְרָקוֹת מִיט בְּרוֹיט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע סִיוּם.

שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּ מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי לִיגְן הֶעכֶער דִי צִיוּן פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר. אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַעֲרָה.

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ פְּרַט וָואס הָאט פַּאסִירְט לַ"ג בָּעֹמֶר נָאכְמִיטָאג

אִין דִי מַעֲרָה, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט קֶעגְן דִי פָּאלִיצְיי, מֶען הָאט זֵיי מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען אוּן זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אַלֶע אַייזֶענֶעס וָואס זֵיי הָאבְן גֶעמַאכְט אִין דִי מַעֲרָה נִישְׁט צוּ לָאזְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען, פוּן נָאכְמִיטָאג אִיז אַלֶעס צוּרִיק גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן אַרוֹיפְגֵיין לַ"ג בָּעֹמֶר נָאכְמִיטָאג צוּ דִי מַעֲרָה, וַוייל אַ גַאנְצֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּעוֹת אַז עֶס אִיז דָא מְהוּמוֹת וְכוּ'. פְרַייטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי מַעֲרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז).

שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מִירוֹן, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; דִי תְּפִילּוֹת אוּן דִי סְעוּדוֹת. מִנְחָה עֶרֶב שַׁבָּת הָאבְן מִיר גֶעדַאוֶונְט אוּנְטְן אִין קַארְלְסְבּוּרְג, קַבָּלַת שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַרוֹיף דַאוֶונֶען אִין דִי מַעֲרָה, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן "לֹא תֵבוֹשִׁי", אוֹיךְ "בַּר יוֹחָאִי"; אַ גַאנְץ יָאר אִיז דֶער מִנְהָג אִין מִירוֹן צוּ טַאנְצְן "בַּר יוֹחָאִי" נָאךְ קַדִּישׁ יָתוֹם, פַאר כְּגַוְנָא. (אַגַב, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זִינְגֶען יֶעדֶע שַׁבָּת בַּיי דִי בָּאטֶע "בַּר יוֹחָאִי").

שַׁבָּת אִין מִירוֹן זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת, עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ יוֹם טוֹב'דִיגֶער שַׁבָּת. לֵיל שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אוֹיךְ דֶער דַיָּין ר' יוֹנָה אוּן יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער נֵרוֹ יָאִיר מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מַיין טַאטֶע הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען ר' יוֹנָה מִיט'ן זִינְגֶען "אֵשֶׁת חַיִל"; עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "בְּרֶסְלֶבְ'עֶר דַיָּין אֵשֶׁת חַיִל", עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִינְגֶען דֶעם "בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אֵשֶׁת חַיִל".

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה (פְּסָחִים קיב.) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי עֲקִיבָא זָאל אִים לֶערְנֶען תּוֹרָה, רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט: "רַבִּי, לַמְּדֵנִי תּוֹרָה, וְאִם לָאו, אֲנִי אוֹמֵר לְיוֹחַאי אַבָּא וּמוֹסֶרְךָ לַמַּלְכוּת", אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר מַיין טַאטֶע יוֹחָאִי אוּן מֶען וֶועט דִיר אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה; מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט נָאכְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב',

סִימָן ס) וָואס אִיז פְּשַׁט, אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ רֶבִּי? מֶען סְטְרַאשֶׁעט אִים אַז מֶען גֵייט אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי רֶעגִירוּנְג?! נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אִין תְּפִיסָה, וָואס זָאגְט עֶר אִים: "אִיךְ וֶועל דִיךְ פַאר'מַסְרְ'ן אוּן לֵייגְן אִין תְּפִיסָה?" זָאגְט דֶער רֶבִּי, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים שֶׁאֵינָם מְהֻגָּנִים וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בָּאטֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁפֶּעט, מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי סְעוּדָה צְוֵויי אַזֵייגֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ. אַבְרָהָם אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען נָאךְ דִי סְעוּדָה צוּ מִיר מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה פַאר אַפָּאר מִינוּט, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ שִׁיכּוֹר, וְאֵין כַּאן מְקוֹמוֹ לְהַאֲרִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מִיט יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר זוֹהַר חָדָשׁ אוֹיף רוּת, אַלְס הֲכָנָה פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

דֶער דַיָּין ר' יוֹנָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת בְּהַר מִיט בְּחוּקוֹתַי, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חוּץ לָאָרֶץ'דִיגֶער עוֹלָם וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט לֵיינֶען פַּרְשַׁת בְּהַר, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּהַר בִּיז בְּחוּקוֹתַי שֵׁנִי.

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ זָאגְן דִּבְרֵי תּוֹרָה בַּיי דִי סְעוּדָה פוּן צוּפְרִי, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לוֹיבְּט אוֹיס דָאס טֵייעֶרְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מִיר טוּעֶן. מִיר גֶעפוּנֶען (שַׁבָּת לג:), וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי מְעָרָה אוּן גֶעזֶען אַ אִיד גֵייט מִיט הֲדַסִּים לְכָבוֹד שַׁבָּת, אֵיינְס פַאר זָכוֹר אוּן נָאךְ אֵיינְס פַאר שָׁמוֹר - הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, אוּנְז צוּ וַוייזְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ, אָדֶער גוּטֶע

מִנְהָג וָואס אַ אִיד טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל. הַיינְט צוּ טָאגְס וֶוייסְן מִיר דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דִי זַאךְ, אֵיידֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט דָאס מְגַלֶּה גֶעוֶוען וָואלְט מֶען גֶעלַאכְט פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ, מֶען וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: "הַיינְט אִיז נִישְׁט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, וָואס אִיז דָאס שַׁבָּת מִיט הֲדַסִּים?!" רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעקוּקְט, עֶר זֶעט אַ אִיד טוּט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר שַׁבָּת, זָאגְט עֶר: "חֲזֵי כַּמָּה חֲבִיבִין מִצְוֹת עַל יִשְׂרָאֵל", קוּק וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער לִיבְּן דִי מִצְוֹת.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט (שָׁם חִדּוּשֵׁי אַגָּדוֹת, דִּיבּוּר הַמַּתְחִיל חַד כְּנֶגֶד זָכוֹר): "וּכְמוֹ שֶׁבַּנֵּרוֹת זוֹכִין לְבָנִים חֲכָמִים", אַזוֹי וִוי שַׁבָּת לִיכְט אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "הָכִי נַמִּי הֲדַסִּים", אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס שְׁמֶעקְט הֲדַסִּים שַׁבָּת וֶועט הָאבְּן "בָּנִים צַדִּיקִים, שֶׁנִּקְרְאוּ הֲדַסִּים", עַיֵּין שָׁם; דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן נט): "עַל יְדֵי הֲדַסִּים בְּשַׁבָּת זוֹכֶה לְבָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים".

אוֹיךְ הָאב אִיךְ גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹיף דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לה.): "הַרְבֵּה עָשׂוּ כְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי וְלֹא עָלְתָה בְּיָדָן", אַסַאךְ הָאבְּן פְּרוּבִּירְט נָאכְצוּמַאכְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, פַארְוָואס טַאקֶע נִישְׁט? וַוייל "'הַרְבֵּה' עָשׂוּ כְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי", אַסַאךְ טוּן, אַסַאךְ נָאכְמַאכְן אִיז שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן קְלֵיינִיקֵייטְן, זַאכְן וָואס מֶען קֶען - דֶעמָאלְט אִיז מֶען יָא מַצְלִיחַ.

דִי וֶוערְטֶער אִיז אַ מִצְוָה צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער זוֹהַר; יֶעדֶע בְּלַאט, אוּן פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל - זָאגְט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "וואוֹיל אִיז פַאר אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ", דָאס אִיז סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶס אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז; מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, מֶען חַזֶר'ט זִיךְ לִיגְנְט, מֶען קְלַאפְּט זִיךְ; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען

הֶערְט תּוֹרוֹת פוּן שֵׁדִין יְהוּדָאִין (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כח) וָואס קְלַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט לִיגְנְט, אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר', 'עֶר דַארְף נִישְׁט מַיינֶע מִצְוֹת', 'עֶר דַארְף נִישְׁט מַיין דַאוֶוענֶען' וְכוּ' וְכוּ'; דָאס דַארְף מֶען זָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע, דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּ דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת פוּן ר' עֶזְרָא בּוֹים מִיט הָרַב אֱלִיעֶזֶר אֵיידֶלְשְׁטֵיין. לְכַתְּחִלָּה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְהַאקְט אִין מִירוֹן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפָארְן אוּן אַרַיינְפָארְן פוּן מִירוֹן נָאר מִיט אַ בָּאס. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין בַּיי דִי שִׂמְחָה. יֶעצְט מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ בִּין אִיךְ גֶעפָארְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעפִילִישׁ צוּ זִיצְן מִיט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, הָרַב רֶבִּי דָּנִיֵּאל שְׁלִיטָ"א, אוֹיךְ דֶער מְחוּתָּן הָרַב ר' אֱלִיעֶזֶר שְׁלִיטָ"א, מִיט ר' עֶזְרָא נֵרוֹ יָאִיר.

הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן פוּן דִי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּן יַבְנְאֵל. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט פְּלֶענֶער צוּ קוֹיפְן אִין מָאנְסִי, אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ שׁוֹין כִּמְעַט גֶעקוֹיפְט אַ חֶלְקָה אִין נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים.

אוֹיךְ הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן פוּנֶעם גֵר צֶדֶק אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם גְרַאף פָּאטָאצְקִי. מֶען הָאט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים סֵפֶר וַיִּקְרָא, וַוייל דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד, בִּיז עֶר אִיז דֶערְגַאנְגֶען אַז חוּמָשׁ אִיז פִינְף, עֶס פֶעלְט אֵיין בַּאנְד. אוֹיךְ דִי סִיפּוּר פוּן דִי שְׂרֵפָה, אַז דֶער בַּעַל יְסוֹד וְשֹׁרֶשׁ הָעֲבוֹדָה הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן נָאנְט צוּם פַייעֶר צוּ קֶענֶען זָאגְן "אָמֵן" אוֹיף דִי בְּרָכָה וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט בַּיים וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט, אוּן נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן.

נָאכְדֶעם הָאט מֶען מִיר גֶעבֶּעטְן רֶעדְן. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט קוּרְץ אוּן

שַׁארְף, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּם חָתָן, אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט קַיין יַבְנְאֵל דַארְף עֶר וִויסְן מֶען מוּז הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, "וֶהֱוֵי מִתְאַבֵּק בַּעֲפַר רַגְלֵיהֶם" (אָבוֹת א, ד), מֶען מוּז לִיבּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן. נָאר דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִּיקִים - דִי הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן", דֶער וָואס הָאט לִיבּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, "הֲוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", דֶער וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן", דֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד עֶרְלִיכֶע אִידְן, "הֲוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", וֶועט אוֹיךְ הָאבְּן אֵיידֶעמֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, "דְּדָחִיל מֵרַבָּנָן", דֶער וָואס הָאט הַכְנָעָה פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, "הוּא גּוּפֵיהּ הֲוֵי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן", וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּם חָתָן, זַיי נִישְׁט וִוי דִי נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן "אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים, הַיינְט אִיז נִישְׁטָא", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצב): "שֶׁאֵין הָעוֹלָם רוֹצִים לְהַאֲמִין שֶׁיִּהְיוּ נִמְצָאִים עַכְשָׁו צַדִּיקִים גְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה מְאֹד כְּמוֹ בַּדּוֹרוֹת הָרִאשׁוֹנִים", מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז הַיינְט אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אַזוֹי וִוי אַמָאלִיגֶע טֶעג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "בְּוַדַּאי נִמְצָאִים צַדִּיקִים בְּכָל דּוֹר וָדוֹר", אוּן דִי אַלֶע וָואס זָאגְן אַז הַיינְט זֶענֶען נִישְׁטָא קַיין צַדִּיקִים זֶענֶען כּוֹפְרִים.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טִפֵּש אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין חֶדֶר וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֶדֶר, בַּיים סוֹף זֶענֶען אַלֶע אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה. אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין מִיט דִי אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַלֶע אַרוֹיסגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה; ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט לִיבּ עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אִיז זֵיי מְכַבֵּד.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן גֶעזָאגְט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ.

פון דָארְט בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש. עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי יוֹם הוּלֶּדֶת פוּן מוֹהֲרָא"ש, כ"א אִיָּיר - חֶסֶד שֶׁבַּיְסוֹד. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת, תִּיקוּן רָחֵל זִיצְנְדִיג אוּן תִּיקוּן לֵאָה שְׁטֵייעֶנְדִיג, אוֹיךְ תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בִּפְרָטִיּוּת, אוֹיךְ פַּאר דִיר אַהֲרֹן בֶּן פֵּיגָא אוּן פַּאר דַיין שׁוּתָּף אַהֲרֹן יִשְׂרָאֵל בֶּן רוּת נָעֳמִי, אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין הֶעלְפְן דִי מוֹסָד זִיךְ פַארְבְּרֵייטֶערְן אִין אַלֶע זַייטְן.

דֶער זוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָרַב נַחְמָן שְׁלִיטָ"א - אִיז גֶעוֶוען דָארְט בַּיים צִיוּן, עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטֶערְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: "מַיין זוּן אִיז אַן אֱמֶת'עֶר לֵב נִשְׁבָּר". עֶר אִיז גֶעזֶעצְן בַּיים צִיוּן אוּן גֶעוֵויינְט אוֹיפְ'ן קוֹל מִיט אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט.

מִיר זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן פַּארְטָאגְס, אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגְנְט מַיין טַאטֶע אַרוֹיפְגֵיין מִיט טַלִּית וּתְפִילִין צוּ דִי מַעֲרָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת לְבִגְדֵי חוֹל, אוּן אַרוֹיף דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית כְּוָתִיקִין.

נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז), אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע תְּפִלָּה, וִוי מֶען בֶּעט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי עֶר זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יֶעדֶע פָּאר מִינוּט, וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן בַּיי יֶעדֶע פְּלַאץ וואוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען; אִיבֶּערָאל קוּמֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן, זַייט זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן לֵיינֶען דִי בְּרִיוְון הָאט זִיךְ אַלֶעס בַּיי זֵיי גֶעטוֹישְׁט.

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין טְבֶרְיָ', הָאַבְרֵךְ חַיִּים מֵאִיר עֶרְפְּס נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיךְ אַרוּם גֶעטְרָאגְן. קוֹדֶם זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר

בַּעַל הַנֵּס, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועןֶ, אוּיךְ גֶעצִינְדְן אַ לִיכְט מִיט שֶׁמֶן לְעִלּוּי נִשְׁמַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס. אוּיךְ גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּם צִיּוּן הָרַמְבַּ"ם, אוּן צוּם צִיּוּן הַשְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ אוּן נָאךְ צַדִּיקִים. בַּיים צִיּוּן הַשְׁלָ"ה הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט דִי תְּפִלַּת הַשְׁלָ"ה, פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן צוּם קֶבֶר רֶבִּי עֲקִיבָא, נָאכְדֶעם צוּ קֶבֶר רֶבִּי חִיָּיא וּבָנָיו. פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּיף רְחוֹב רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב 15, דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפּוּלְט קֶעפּ אוּיף קֶעפּ. דִי גַבָּאִים הָאבְּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט וואוּ צוּ מַאכְן דִי שִׁיעוּר, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרוּיסְדִינְגֶען אַ זַאל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיךְ הָאבּ עֶנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ גֶעפוּן זִיךְ זֵייעֶר גוּט דָארְט, דִי לוּפְט דָארְט אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אוּן אַיינְגֶענֶעם.

בַּיים סוֹף שִׁיעוּר זֶענֶען אַרוּיפְגֶעקוּמֶען אוּיפְ'ן בִּימָה אַ בָּחוּר דָוִד שִׁמְעוֹן לֶעווִינְסָאן, אוּן הַיֶּלֶד יְהוּדָה בֶּן ר' מָרְדְּכַי בְּרִילְל, בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס, דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד הָאט גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער. עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ צוּ זֶען מִיט דִי אוּיגְן ווִי יוּנְגֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס אוּיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן אוּיסְנוּצְן דִי טֶעג מִיט לֶערְנֶען כְּסִדְרָן דַיְקָא, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, בְּגִירְסָא בְּעָלְמָא (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

מַעֲרִיב אוּן סְפִירַת הָעֹמֶר הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט אִין שׁוּל, הָאַבְרֵךְ מֹשֶׁה רָאזֶענְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַאר'ן עָמוּד, עֶר אִיז אִין יָאר נָאךְ זַיין טַאטֶע ר' יִצְחָק עָלָיו הַשָּׁלוֹם.

נָאךְ מַעֲרִיב הָאט גֶענוּמֶען צַייט בִּיז אִיךְ בִּין אַרוּיס, דֶער עוֹלָם הָאט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם אַכְסַנְיָ', אַבְרָהָם הַנַּ"ל הָאט

צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ בַּאקְוֶועמֶע דִירָה מִכָּל טוּב וָטוּב.

בִּשְׁעַת דִי שִׁיעוּר הָאבְּן זִיךְ דִי וַוייבֶּער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צַאמְגֶענוּמֶען בַּיי מִשְׁפַּחַת פֶּערְל אִין שְׁטוּבּ זִיךְ צוּ בַּאקֶענֶען מִיט מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, זֵיי הָאבְּן אִיר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען. זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זִי אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי פְרוֹיעֶן, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אֵיידְל אוּן פְרַיינְטְלִיךְ, זֵייעֶר צוּם זַאךְ, זִי אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אַבְרָהָם הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייט, אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן חַיִים מֵאִיר מִיט שִׁמְעוֹן פִּישׁ נֵרוֹ יָאִיר זָאלְן קוּמֶען מִיט עֶסְן, זֵיי הָאבְּן נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי.

שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען דִי גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן פַארְבְּרֵייטֶערְן דִי חֵדֶר, מִיר גֵייעֶן זוּכְן אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ, מִיר דַארְפְן שׁוֹין נָאךְ אַ מְלַמֵד.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם גַבַּאי יִצְחָק נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל וֶוערְן מְנַהֵל רוּחָנִי פוּנֶעם חֵדֶר, אִיךְ הָאף עֶר וֶועט עֶס אָנְנֶעמֶען. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, כְּדַרְכֵּנוּ, מִיר זָאגְן נִישְׁט יֶענֶעם וָואס צוּ טוּן, מֶען הֶעלְפְט נָאר יֶענֶעם טְרַאכְטְן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן אַז יֶענֶער ווִיל אַזוֹי טוּן - טוּט עֶר, אוּן אַז נִישְׁט - נִישְׁט, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט וֶועגְן עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דָאס אִיךְ נָאךְ אַ פְרַאגֶע, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ.

אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף בִּיז פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן הָאט גֶעדַארְפְט אַהֵיים פָארְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶר זָאל פַארְפַּאסְן דִי פְלִיגֶער.

מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ, נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אַ סִיוּם, הַבָּחוּר שְׁמוּאֵל פָּאלַאק הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען שַׁ״ס. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי אַיינְגֶענֶעם צוּ זַיין צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וואוּ יֶעדֶער אֵיינֶער לֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג. בַּיים סִיוּם הָאבּ אִיךְ

גֶערֶעדְט אַבִּיסְל חִיזוּק פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען קַבָּלַת קָהָל, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אִין שׁוּל אוּן אוֹיפְגֶענוּמֶען. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרִיבֶּער אֵיינֶער נָאכְן צְוֵוייטְן, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע בַּקָשׁוֹת, מִיט זַיינֶע זַאכְן. בְּעֶרֶךְ צְוֶועלְף אַזֵייגֶער הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַן הַפְסָקָה, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט יִצְחָק.

דָארְט אִין חֵדֶר בַּיי מִשְׁפַּחַת פֶּערְל אִין שְׁטוּב; וֶוען אִיךְ קוּם אַהִין כַאפְּט מִיר אָן אַזֶעלְכֶע גֶעפִילְן וָואס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיפְ׳ן פַּאפִּיר. עֶס טְרָאגְט מִיר צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב אִין אַמֶערִיקֶע, אִסְרוּ חַג פֶּסַח שְׁנַת תש״ע הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר אִין אַ דִירָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, דוּ גֶעדֶענְקְסְט זִיכֶער אַלֶעס וָואס אִיךְ גֶעדֶענְק, דוּ בִּיסְט דָאךְ פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פִינְף מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי חֵדֶר, עֶס אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין אוּן בַּא׳טַעמְ׳ט.

דֶער מְלַמֵּד יְהוֹשֻׁעַ ראבִּינָאוִויטְשׁ אִיז אַ גָאר פֵיינֶער מְלַמֵּד, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי מִשְׁפָּחוֹת אִין חֵדֶר, מִשְׁפַּחַת לֶעוִוינְסָאן אוּן מִשְׁפַּחַת גָאטְלִיבּ.

אִיךְ בִּין אַרַיין צוּ מִשְׁפַּחַת פֶּערְל רֶעדְן מִיט זֵיי בְּעִנְיַן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת, זֵיי אַרְבֶּעטְן יוֹמָם וָלַיְלָה לֹא יִשְׁבֹּתוּ אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן וֶועכֶנְטְלִיךְ דִי קוּנְטְרֵסִים אִישׁ אֱמוּנוֹת אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִיךְ וֵייס נִישְׁט ווִי זֵיי נֶעמֶען דִי כֹּחוֹת אוּן דִי צַייט, עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ גְרוֹיסֶע ווָאוּנְדֶער, אֵיין מִשְׁפָּחָה זָאל אַרַיינְלֵייגְן אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת אַ וָואךְ פַאר הֲפָצָה... אַשְׁרֵי לָהֶם, וואוֹיל אִיז זֵיי! עֶס אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זֵייעֶרֶע; אַלֶעס אִיז דָארְט, דִי חֵדֶר, דִי הַדְפָּסָה, דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט זִיךְ דָארְט אָנְגֶעהוֹיבְּן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ צוּרִיק אִין שׁוּל וַוייטֶער אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן, מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן אִידִישֶׁע הֶערְצֶער - בִּיז שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ זֶען ווִי אַלֶע שְׁטֵייעֶן אִין דִי שׁוּרָה מִיט אַ

סֵפֶר אִין דִי הַאנְט און לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מְבַטֵּל גֶעוֶוען קַיין צַייט, דָאס אִיז דָאךְ אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲלוֹת פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען קֶען אַלְץ לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען קַיין צַייט.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס, הַבָּחוּר שְׁמוּאֵל אַיְיזִיק בֶּן ר' שִׁמְעוֹן עוֹזֵר פֶּערְל הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ"ס, אוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען שֵׁיין, וָואס אִיז דָא שֶׁענֶער וִוי אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס פוּן אַ יוּנְגֶער בָּחוּר... אִיךְ בִּין מַמָּשׁ גֶעפַאלְן פוּן מַיינֶע כֹּחוֹת פוּן אַרְבֶּעטְן אַרוּם דִי זֵייגֶער, טָאג און נַאכְט, אָן עֶסְן, אָן שְׁלָאפְן. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט וִוי נֶעמְט מֶען דִי כֹּחוֹת? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, וֶוען מֶען זֶעט בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט און קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - דָאס גֶעבְּט כֹּחַ, זִיצְן בַּיי אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס - דָאס אִיז פַאר מִיר עֶסְן און שְׁלָאפְן.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה מַעֲרִיב, סְפִירַת הָעֹמֶר. נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה פַאר "בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ סְטֶעטְן אֵיילֶענְד", ר' יַעֲקֹב הֵיילְפְּרִין הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה בַּיים סוֹפֵר ר' נַחְמָן יַאקָאבָּאוִויטְשׁ, מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם גַאנְצְן וָוארְט "בְּרֵאשִׁית".

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ אַהֵיים זִיךְ צַאמְפַּאקְן דִי פֶּעקְלֶעךְ, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם הַר הַמְּנוּחוֹת. מַיין וַוייבּ הָאט דָארְט אַ זֵיידֶע און בַּאבֶּע, זֵיי לִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע רֵייעֶ בַּיי דִי בֶּעלְזָא נֵייעֶ חֶלְקָה, פִּינְקְט אַנְטְקֶעגְן דִי צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מַיין זֵיידֶע, הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי יִצְחָק דָוִד הַכֹּהֵן פְּרִיעֶדְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ תַּלְמִיד פוּן פָּאפָּא רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ בֶּעלְזֶער חָסִיד, אוֹיךְ אַ מוֹקִיר רַבָּנָן. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּ' צוּ לֶערְנֶען נָאךְ מַיין חֲתוּנָה בְּחַבְרוּתָא מִיט אִים יֶעדֶע נַאכְט אִין פָּאפָּא שׁוּל אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ קוֹנֶה גֶעוֶוען פוּן אִים.

יֶעדֶע יָאר פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן אִים - הָאט

עֶר מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיךְ דִי בַּאבֶּע, רָחֵל בַּת הָרַב הַחָסִיד ר׳ שְׁלֹמֹה גֶעֶן לִיגְט דָארְט, זִי אִיז גֶעוֶועֶן אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת.

אִיךְ בִּין אַרַיין בַּיים אוֹהֶל פוּנֶעם חִידָ״א, אִיךְ הָאב מִתְפַּלֵל גֶעוֶועֶן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועֶן. אוֹיךְ דָארְט הָאבְּן מִיר סְפַרְדִי׳שֶׁע אִידְן בַּאפַאלְן מִיט שְׁכֹּחַ׳ס פַאר דִי שֵׁיינֶע חִיזוּקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְקַבֵּל.

אִין עֶירְפָּארְט הָאב אִיךְ גֶערֶעדְט מִיט דִי גַבָּאִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם וִויכְטִיגֶע זַאכְן, עִנְיָנֵי קְהִילָה, זַאכְן וָואס מֶען קֶען נָאךְ מֶער טוּן; דָאס וֶועל אִיךְ נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אִיךְ וֶועל דָאס רֶעדְן מִיט דִיר פְּרִיוַואט.

דִי וֶועג אִיז גֶעוֶועֶן גָאר גוּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן רוֹב וֶועג, פַארְטָאגְס הָאב אִיךְ גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, גֶעזָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועֶן.

הָאבְרֵךְ שְׁמוּאֵלִיק בְּלֶעדִי הָאט מִיךְ אָפְּגֶעוַוארְט, אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען הֶעלְפְן אַרוֹיפְטְרָאגְן דִי פֶּעקְלֶעךְ, הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ, גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן גֶעלָאפְן אִין יְשִׁיבָה. אָנְקוּמֶענְדִיג אִין יְשִׁיבָה אִיז נָאךְ דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ גֶעוֶועֶן לֵיידִיג, אֵיין קִינְד אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, הַיֶּלֶד שִׁמְעוֹן פָּארְקָאשׁ אַ זוּן פוּן ר׳ מֵאִיר דָוִד נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז אַ פְלַייסִיג קִינְד, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי שָׁעוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

גְלַייךְ נָאכְדֶעם זֶענֶען דִי בָּחוּרִים גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאב פָּארְגֶעלֶערְנְט אַ שִׁיעוּר גְמָרָא, דִי הַיינְטִיגֶע בְּלַאט. אוֹיךְ הָאב אִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן, אִיךְ גֶעב נִישְׁט שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן דִירֶעקְט, אִיךְ זָאג אַרַיין אַ שִׁיעוּר אִין אַ מַאשִׁין אוּן דָאס שְׁפִּילְט מֶען נָאכְדֶעם אוֹיף פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדְן דִינְסְטָאג אִיז דָא אַ פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם אִין שְׁטֶעטְל, דִי פְרוֹיעֶן קוּמֶען זִיךְ צַאם, מֶען הֶערְט אַ שִׁיעוּר; דַארְף אִיךְ יֶעדֶע וָואךְ אָנְגְרֵייטְן אַ שִׁיעוּר פַאר זֵיי.

נָאךְ שַׁחֲרִית בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל, צוּם עֶרְשְׁט בִּין אִיךְ

גֶעגַאנְגֶען קוּקְן דֶעם נַייעֶם בִּנְיַן קֶרֶן הַדְפָסָה, אִיךְ זֶע ווִי מוֹהֲרַא"ש שְׁמֵייכְלְט אוֹיבְן אִין "גַן עֵדֶן" וֶוען עֶר קוּקְט אַרָאפּ אוּן זֶעט דֶעם בִּנְיַן הַדְפָסָה, וואוּ מֶען דְרוּקְט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב וֶועט זַיין דֶער חֲנֻכַּת הַבַּיִת. אִיךְ ווִיל וַוייזְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי גְרוֹיסֶע אַפֶּערַאצְיֶע וָואס טוּט זִיךְ דָארְט אָפּ, אִיךְ ווִיל אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַדְפָסָה אוּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה, מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן ווִי אַ מְחוּתָּן מִיט פַארְמַאכְטֶע הֶענְט, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קִינְדֶערְלֶעךְ; דָאס אִיז דָאךְ מַיין זַאךְ, חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דְרֵיי שִׁיעוּרִים, אֵיינְס פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, צְווֵיי פַאר דִי סְטֶעף - מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וְכוּ', אוּן פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ. אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ אַ שְׁפַּאצִיר, זֵיי וַוייזְן דִי נַייעֶ בִּנְיַן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס מֶען בּוֹיט יֶעצְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער אַהֲרֹן בֶּן פֵּיגָא, הֶעלְף מִיר רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זָאלְן נֶעמֶען אַ טֵייל אִינֶעם קַאמְפֵּיין וָואס מִיר מַאכְן נָאךְ שָׁבוּעוֹת. אִיךְ דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם נִישְׁט אַרַיינְזִינְקֶען אִין אַ טִיפֶע לָאךְ פוּן חוֹבוֹת, דִי מוֹסָד הָאט שְׁרֶעקְלִיכֶע חוֹבוֹת. דִי יָאר הָאבְּן מִיר גֶעבּוֹיט שׁוּלְן אוּן מִקְוָאוֹת, מַצָּה בֶּעקֶערַיי, יֶעצְט הָאט מֶען גֶעקוֹיפְט אַ פְּלַאץ פַאר דִי קִינְדֶער פַאר זוּמֶער, פוּן אַלֶע זַייטְן הָאבּ אִיךְ חוֹבוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְוַוארְעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אֶפְשָׁר יֶעצְט וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דָאס וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט דִיר גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט זַיין פָאנְדְרֶעיזֶער פַאר זַיינֶע מוֹסְדוֹת; אַזוֹי בִּיסְטוּ דָאךְ מְקוּרָב גֶעוָוארְן, מֶען הָאט דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אַ פָאנְדְרֶעיזֶער פַאר דִי מוֹסְדוֹת אִין יַבְנְאֵל, יֶעצְט וֶועט דָאס מְקוּיָם וֶוערְן.

פוּן חֶדֶר בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם שְׁטוּבּ פוּן יִשְׂרָאֵל חַיִים נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט

מִיךְ אַיינְגֶעלַיידְנְט צוּ אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַּאר זַיין טָאכְטֶער מִיט הַחָתָן אֱלִי בֶּן יִשְׂרָאֵל שָׁלוֹם נֵרוֹ יָאִיר. אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת, מַיין קָאפּ הָאט שׁוֹין גֶעשְׁווִינְדְלְט פוּן זַיין אוֹיף אַזוֹי לַאנְג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין בַּיי זֵייעֶר שִׂמְחָה. עֶרְשְׁטְנְס, דִי מְחוּתָּנִים זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר, דֶער אֲבִי הַכַּלָּה אִיז אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ, עֶר פִירְט אַן אֵיידֶעלֶע רֵיינֶע שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער אֲבִי הֶחָתָן פִירְט אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ; אִיךְ שְׁטָאלְצִיר מִיט אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת.

צְוֵוייטְנְס, דֶער חָתָן נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט אַלְץ גֶעהָאלְפְן דִי יְשִׁיבָה, עֶר הָאט אַלְץ צוּגֶעלֵייגְט אַ הַאנְט, אוֹיךְ דִי כַּלָּה אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן בַּיי שֶׁבַע בְּרָכוֹת. מֶען זָאגְט אִין דִי בְּרָכוֹת: "שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים, כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם"; דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה פוּן חָתָן כַּלָּה וָואס אִין הִימְל זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אֵיינְס, יֶעצְט וֶוען זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן ווּאוּנְטְשְׁט מֶען זֵיי: "שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח וְגוֹ', כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן", זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט פְרֵייד אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, אוּן אַז דֶער חָתָן ווִיל אַז זַיין וַוייבּ זָאל אַנֶערְקֶענֶען אִין חָתָן דּוֹמֶה לְמֶלֶךְ, דַארְף עֶר רֶעדְן צוּ אִיר וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ מַלְכָּה, וֶועט זִי רֶעדְן צוּ אִים וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶלֶךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זַאךְ אַז וֶוען מַיין וַוייבּ רוּפְט מִיר אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן הֵייבּ אִיךְ אוֹיף אָן וֶוערְן נֶערְוֶועז, זָאל זִי רוּפְן הוּנְדֶערְט מָאל אַ טָאג, אִיךְ הֵייבּ אוֹיף, אִיךְ הֶער אִיר אוֹיס; דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי מִילְיָאנֶען פִינְטְלֶעךְ וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ צֶעטֵיילְט

מַיינֶע קִינְדֶער פַאר דִי נְסִיעָה, אַ טֵייל בַּיי מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה, אַ טֵייל בַּיי מִשְׁפָּחוֹת אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, בַּיי ר' מָרְדְּכַי אִינְדִיג, אוּן בַּיי שַׁבְּתַי מִזְרָחִי.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה בַּיי דִי נֵייעֶ פָּארְפָּאלְק.

אִיךְ בִּין יֶעצְט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן אַ מִנְיָן בָּחוּרִים צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר אַ מִנְיָן מַעֲרִיב, יֶעצְט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ גֵיי זִיךְ צוּלֵייגְן, מֶען דַארְף אַבִּיסְל שְׁלָאפְן צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דַיינֶע קִינְדֶער הַיינְט אִין שְׁטֶעטְל. דַיין זוּן פִּנְחָס דָוִד נֵרוֹ יָאִיר קָאכְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פַאר דִי צֹאן קָדָשִׁים, דַיין אֵיידֶעם אַבְרָמִי הָאבְּן אִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין בִּנְיַן קֶרֶן הַדְפָּסָה, עֶר אַרְבֶּעט אוֹיפְ'ן אַלְבּוּם "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה 4#", דַיין אֵיידֶעם הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר אִיז דָאךְ אַ מַלְאָךְ הַמּוֹשִׁיעַ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, עֶר זִיצְט מִיט אַ כִּתָּה קִינְדֶער, לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער וָואס יֶעדֶע רֶגַע ווִילְן זֵיי אַרוֹיסְטַאנְצְן פוּן דִי הוֹיט, עֶר הַאלְט זֵיי מִיט אַזַא סַבְלָנוּת.

רְפָאֵל נֵרוֹ יָאִיר, דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר זָאגְט מִיר הַיינְט, דַיין אֵיידֶעם הֶערְשְׁל נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט אִים, עֶר הָאט אַ גוּטֶע פְּרָאוֹמָאוֹשְׁן ווִי אַזוֹי צוּ אַיינְקֶעסִירְן שְׂכַר לִימוּד, אַזוֹי טוּעֶן דָאךְ אַלֶע מוֹסְדוֹת, מֶען רוּפְט אוֹיס, וֶוער עֶס צָאלְט שְׂכַר לִימוּד גֵייט אַרַיין אִין אַ גוֹרָל וְכוּ', זָאגְט עֶר, מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן, וֶוער עֶס קֶען אַרַיינְקוּמֶען אִין זַיין כִּתָּה הַאלְטְן דִי כִּתָּה פַאר אֵיין שָׁעָה אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן אִים נִישְׁט אַרוֹיסְטְרָאגְן, דֶער דַארְף נִישְׁט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר אַ יָאר; אַזוֹי וֶועלְן עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַ גֶעפִּיל אוּן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר דִי מְלַמְּדִים דִי מִינִימַאלֶע גֶעהַאלְט וָואס עֶס קוּמְט זֵיי.

וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אִינֶעם קָאמְפֵּיין, זָאג זֵיי צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֶעבְּן זֵייעֶר גֶעלְט, זֵיי זָאלְן

בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פוּן חֲבֵרִים, מִשְׁפָּחָה, בַּאקַאנְטֶע וְכַדוֹמֶה, צְוֵוייטְנְס, וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַּארְ'ן רֶבִּינְ'ס אֵיינִיקֶל וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן גֶעלְט פַּארְ'ן קְלוֹיז אִין אוּמַאן און עֶר הָאט גֶעקְוֶוענְקֶלְט, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְפִירְן אָן דִיר אוֹיךְ, נָאר שֶׁענֶער און בֶּעסֶער וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן"; נָאךְ דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זָאגְן פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְפִירְן אָן דִיר, נָאר שֶׁענֶער און בֶּעסֶער וֶועט זַיין אוֹיב דוּ וֶועסְט צוּלֵייגְן אַ הַאנְט, הֶעלְפְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסָד, דִי הֵיילִיגֶע קְהִילָה".

אִיךְ שְׁלָאף שׁוֹין אַיין, זַיי מִיר גֶעזוּנְט.

...